א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

293 | פרשת עקב | תשע"ט

## מאוצרות אמונים — פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### דער אויבישטער האט באפוילן משה זאל דאווענען

**וַיֹּאמֶר ה' אֵלַי לֵאמֹר רָאִיתִי אֶת הָעָם הַזֶּה וְהִנֵּה עַם קְשֵׁה עֹרֶף הוּא. הֶרֶף מִמֶּנִּי וְאַשְׁמִידֵם"** (ט יג-יד)

געוויינליך, 'לאמר' איז א באפעל, ער זאל זאגן פאר אנדערע; אבער דא, פארוואס האט משה רבינו געדארפט איבערגעבן די ווערטער פון ה'?

ענטפערט **רבי צבי יצחק אבראמאוויטש** דער רב פון חצור הגלילית:

מיר זעהן אין גמרא (ברכות לב א) אז פון דעם וואס דער אויבישטער האט אים געזאגט "הֶרֶף מִמֶּנִּי" וואס איז טייטש, לאז מיך אפ, האט משה פארשטאנען אז די ישועה פון די אידן איז אנגעהאנגען אין אים, און הערנדיג די ווערטער האט ער זיך געשטארקט און געדאוונט אויף זיי. לויט די גמרא קען מען טייטשן דער פסוק אזוי: "וַיֹּאמֶר ה' אֵלַי - לֵאמֹר", זיין זאגן צו מיר: "הֶרֶף מִמֶּנִּי", איז כדי 'לאמר', איך זאל זיך בעהטן ביי אים.

'טעם הצבי'

### הקב"ה דאוונט אז מיר זאלן זיך פירן ערליך

**"וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל מָה ה' אֱלֹקֶיךָ שֹׁאֵל מֵעִמָּךְ כִּי אִם לְיִרְאָה"** (י יב)

אין מסכת ברכות (ז א) דרש'ענען די חכמים: "פון וואו ווייסן מיר אז דער אויבישטער דאוונט? ווייל עס שטייט (ישעיה נו ז): 'וַהֲבִיאוֹתִים אֶל הַר קָדְשִׁי וְשִׂמַּחְתִּים בְּבֵית תְּפִלָּתִי'; 'תפלתם' - שטייט נישט, נאר: 'תפילתי', פון דא לערנען מיר אז דער אויבישטער דאוונט".

די מפרשים וואונדערן זיך: תפילה מיינט דאך בעהטן אויף וואס מ'וויל, און אזא זאך איז נאר שייך ביי א מענטש וואס איז אנגעהאנגען אין דעם אויבערשטן, אבער נישט ביי הקב"ה?

ערקלערט דער **רשב"א** (אזוי ווי דער צל"ח לערנט אפ זיינע ווערטער):

דער מענטש איז אנדערשט פון די אנדערע באשעפענישן מיט דעם וואס ער האט א כח אויסוועלן וויאזוי זיך צו פירן. ווייל דער אויבישטער וויל גוט'ס טוהן פאר זיינע באשעפענישן, בעהט כביכול דער אויבישטער פון יעדן איד ער זאל בוחר זיין אין דעם גוטן וועג און אזוי וועט ער באקומען אלעס גוט'ס. און דאס איז מרמז אונזער פסוק: "וְעַתָּה יִשְׂרָאֵל מָה ה' אֱלֹקֶיךָ **שֹׁאֵל** מֵעִמָּךְ" - אויף דעם בעהט כביכול דער אויבישטער, "כִּי אִם לְיִרְאָה" - מיר זאלן אויסוועלן דעם ערליכן וועג.

רשב"א ברכות ז א; 'צל"ח' שם

### א עקסטערע ברכה אויף תפילה בציבור

**"וּלְעָבְדוֹ בְּכָל לְבַבְכֶם וּבְכָל נַפְשְׁכֶם. וְנָתַתִּי מְטַר אַרְצְכֶם"** (יא יג-יד)

"'וּלְעָבְדוֹ בְּכָל לְבַבְכֶם' - עבודה שהיא בלב, וזו היא תפילה... והלוא כבר הזהיר (לעיל ו ה) 'בְּכָל לְבָבְךָ וּבְכָל נַפְשְׁךָ'? אלא: אזהרה ליחיד, אזהרה לציבור" (רש"י).

פארוואס דארף די תורה עקסטער אנווארענען דעם ציבור, נאך וואס זי האט שוין אנגעווארנט דעם יחיד?

זאגט דער **'כתב סופר'**:

דער וואס דאוונט ביחידות קען עס טוהן אין די צייט וואס איז פאסיג פאר אים, אן עס זאל אים שטערן זיין סדר היום. אבער איינער וואס דאוונט בציבור, נישט איינמאל ברענגט דאס א שטערונג פארן מענטש אין זיין סדר היום און אין זיינע געשעפטן. דעריבער האט די תורה געדארפט עקסטער צוזאגן, אז דאס אכטונג געבן אויף תפילה בציבור וועט נישט פארמינערן ענקער פרנסה, נאר פארקערט: דווקא אין זכות פון "וּלְעָבְדוֹ בְּכָל לְבַבְכֶם" - ד.מ. תפילה בציבור, וועט מקויים ווערן "וְנָתַתִּי מְטַר אַרְצְכֶם" וגו'.

'כתב סופר'

### 'תפילה' דערמאנט די מצוות וואס זענען 'בלב'

**"לְאַהֲבָה אֶת ה' אֱלֹקֵיכֶם וּלְעָבְדוֹ בְּכָל לְבַבְכֶם וּבְכָל נַפְשְׁכֶם"** (יא יג)

"איזו היא עבודה שהיא בלב? הוי אומר: זו תפילה" (תענית ב א)

ערקלערט **רבי יוסף שאול נאטאנזאהן** דער לעמבערגער רב:

תפילה ווערט אנגערופן 'עבודה שבלב', ווייל דורך דעם געדענקט דער מענטש מקיים צו זיין די מצוות התלויות בלב, צ.ב.ש. די 'שש מצוות תמידיות' וואס דער בעל 'ספר החינוך' רעכנט זיי אויס (אין זיין הקדמה) וואס צווישן זיי זענען די מצוות: אמונת ה', יחוד ה', אהבת ה' און יראת ה'. און א מצוה וואס איז אנגעהאנגען אין הארץ, אויב צו דעם טוהט מען נישט א געוויסע מעשה קען עס פארגעסן ווערן, אזוי ווי דער רמב"ם שרייבט (מו"נ ב לא): "די דעות, אויב צו דעם וועט נישט זיין געוויסע מעשים וואס זאל זיי אוועקשטעלן... וועלן זיי פארלוירן ווערן", דעריבער ווערט תפילה אנגערופן 'עבודה שבלב', ד.מ.: א מעשה וואס דורך דעם געדענקען מיר מקיים צו זיין די מצוות וואס זענען אנגעהאנגען אין הארץ.

מיט דעם קען מען טייטשן די גמרא (ברכות לב ב) וואס זאגט אז די 'חסידים הראשונים' האבן זיך פארזוימט איין שעה פארן דאווענען און נאך איין שעה נאכן דאווענען, "כדי שיכוונו **לבם** לאביהם שבשמים", ד.מ. אז זייער פארזוימען פארן און נאכן דאווענען איז געווען כדי זיך מתבונן זיין אין די מצוות וואס זענען 'בלב', צי זיי זענען זיי מקיים ווי עס דארף צו זיין.

'דברי שאול' מהדורא קמא

צו דעם קען מען צולייגן די ווערטער פון דער **רבינו בחיי** (שמות יד א): "און ווייל די אמונה איז דער יסוד פון די גאנצע תורה, האבן די חכמים זכרונם לברכה מתקן געווען מ'זאל ענטפערן אמן ביים דאווענען און ביי די ברכות, ווייל דאס קומט פון דער לשון אמונה". ווייל אמונה איז א שטענדיגע מצוה וואס מ'איז מקיים במחשבה, האבן די חכמים צוגעשטעלט צו דעם א מעשה - ענטפערן 'אמן' אויף יעדע ברכה, און דורך דעם וועלן מענטשן געדענקען עס מקיים זיין.

## מבאר אמונים

מקורות אין די פרשה בגודל מעלת עניית אמן

### דער אויבישטער גלוסט אויף א אמן

**"וְאָכַלְתָּ וְשָׂבָעְתָּ וּבֵרַכְתָּ אֶת ה' אֱלֹהֶיךָ עַל הָאָרֶץ הַטֹּבָה אֲשֶׁר נָתַן לָךְ"** (ח י)

"א מענטש דארף אכטונג געבן ער זאל ענטפערן אמן ביים דאווענען און ביי ברכות, וואס דער ווארט 'אמן' קומט פון דער לשון 'אמונה'. און יעדער וואס זיינע עלטערן זענען געשטאנען נעבן די בארג סיני און האבן מקבל געווען די תורה וואס ווערט אנגערופן אמונה און ער שטאמט פון אברהם אבינו וואס ער איז דער הויפט פון אמונה וואס ביי אים שטייט (בראשית טו ו): 'והאמין בה'', דארף צולייגן זיין הארץ און זיין מחשבה ביים ענטפערן אמן... ווייל א קנעכט וואס הערט ווי מ'וואונטשט אן זיין האר דארף ענטפערן אמן, און אוודאי ווען מ'הערט ווי מ'לויבט דעם אויבערשטן 'אשר בידו נפש כל חי' דארף מען ענטפערן אמן. און עס איז זיכער אז דער אויבישטער רעכנט עס פאר א מצוה און באפעלט אים ער זאל אים בענטשן. און דאס איז א מצות עשה אין תורה, אזוי ווי עס שטייט (דברים ח י): 'וברכת את ה' אלקיך...'. **און אזוי ווי השי"ת גלוסט מ'זאל זאגן א ברכה, אזוי אויך גלוסט ער מ'זאל ענטפערן אמן וואס דאס איז דער קיום פון די ברכה**, און חז"ל זאגן אין מס' ברכות אין סוף פרק אלו דברים (דף כג ב) רבי יוסי אומר: 'גדול העונה אמן יותר מן המברך'".

'כד הקמח' ערך אמונה



## אני לדודי ודודי לי

"אנהויבן תשובה טוהן קען זיין אין די גוטע זאכן וואס מיר טוהן - מיט דעם וואס מיר וועלן אכטונג געבן זיי צו טוהן ווי עס דארף צו זיין. מיטן צולייגן אביסל הארץ, איבערהויפט אין אזעלעכע זאכן וואס מ'טוהט אין זיי גרינגשעצן, כאטש זיי זענען זייער הארב; לדוגמא, ענטפערן אמן; עטליכע הלכות איז דאך דא אין דעם, און אלע ווייסן ווי שטארק די חכמים האבן מחמיר געווען - אויף א שרעקליכן אופן - אויף א אמן חטופה צי אויף א אמן יתומה, **און פון דעם קען מען פארשטיין די הארבקייט פון זיך פארמיידן פון ענטפערן אמן...**".

'משנת רבי אהרן' מאמרים ח"ב עמ' פ

ברכות השחר: אויפן קול | מיט כוונה | מיט א חברותא.

# תענה אמונים

א בליק איבער די מעלה
פון 'השכמת בית המדרש'

## השכמת בית המדרש (ג)

### צוגרייטן דאס הארץ צום דאווענען

פון די מעלות פון השכמת בית המדרש איז, אז דורך דעם קען מען זיך צוגרייטן ווי עס דארף צו זיין צום דאווענען. אזוי ווי עס איז ערקלערט געווארן אין די פריערדיגע ארטיקלען, איז 'תפילה' איינס פון די זאכן וואס זענען עומדים ברומו של עולם, און איין תפילה איז נישט ענליך צו די צווייטע, אזוי ווי דער אר"י הקדוש זאגט, אז פון דער טאג וואס דער אויבישטער האט באשאפן דער וועלט ביזן היינטיגן טאג "איז נישט ענליך די תפילה פון דער טאג צו די תפילה פון א פריערדיגן טאג... און אפילו אין די דריי תפילות פון דער טאג אליין איז דא א גרויסער אונטערשייד צווישן זיי... ווייל פון דער טאג וואס די וועלט איז באשאפן געווארן ביז לעתיד לבוא איז נישט פארהאן א תפילה וואס זאל זיין ענליך צו א צווייטע" ('פרי עץ חיים' שער התפילה פ"ז).

די הויפט סיבה וואס צוליב דעם ווערט די תפילה ווי א געוואוינהייט, איז ווייל מיר גרייטן זיך נישט צו דעם לויט איר טייערקייט, און אזוי ווי די חכמים זכרונם לברכה (שמו"ר כב ד) זאגן: "צריך אדם לטהר לבו קודם שיתפלל".

כדי אז די תפילה זאל געזאגט ווערן נאך א פאסיגע הכנה, האבן די חכמי המשנה מתקן געווען (ברכות לב ב): "אין עומדין להתפלל אלא מתוך כובד ראש". און זיי האבן צוגעלייגט: "חסידים הראשונים היו שוהים שעה אחת ומתפללים, כדי שיכוונו את לבם למקום".

### וויאזוי גרייט מען זיך צום דאווענען

די ראשונים (ברכות שם) קריגן זיך ארום פארוואס עס פעלט אויס זיך פארזוימען פארן דאווענען (זייערע ווערטער ווערן אראפ געברענגט אין רבנו יונה ברכות כא א מדה"ר):

דער ריטב"א און נאך אנדערע פון די ראשונים ערקלערן, די ציל פון זיך פארזוימען פארן דאווענען איז כדי דער מענטש זאל אויסליידיגן זיין מח פון זיינע געדאנקען וואס מוטשענען אים, און דורך דעם וועט ער קענען ריכטיג מכוון זיין ביים דאווענען. אבער דער רבינו יונה (ברכות כא מדה"ר) און נאך ראשונים ערקלערן, אז די הכנה איז כדי מיר זאלן צוגרייטן דאס הארץ, ד.מ.: אוועק נעמען פון זיך די תענוגי עולם הזה, און ווען די הארץ וועט זיין ריין פון די הבלי העולם הזה, וועט עס ממילא פול ווערן מיט געפילן פון השי"ת'ס גרויסקייט, און דורך דעם וועט די תפילה אנגענומען ווערן ביי השי"ת.

און אזוי איז גע'פסק'נט אין שולחן ערוך (או"ח צח א): "דער וואס דאוונט דארף אינזין האבן אין זיין הארץ... און זאל טראכטן אויב וואלט ער גערעדט צו א מלך בשר ודם וואלט ער פריער אויסגעשטעלט זיינע ווערטער און אכטונג געגעבן ער זאל נישט געשטרויכלט ווערן, קל וחומר ווען ער רעדט צום מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא וואס ווייסט אלע מחשבות. און אזוי האבן זיך געפירט די חסידים ואנשי מעשה, זיי האבן זיך אפגעזינדערט פון מענטשן און אינזין געהאט ביים דאווענען ביז זיי זענען אנגעקומען צו התפשטות הגשמיות און שטארקן דעם כח השכלי, ביז זיי זענען כמעט צוגעקומען צו די מעלה פון נבואה... און ער דארף טראכטן פון אזעלעכע זאכן וואס טוהן אונטערדרוקן דאס הארץ און ברענגען אים צו ער זאל טראכטן פון השי"ת, און נישט טראכטן פון זאכן פון קלות ראש".

אויף די ווערטער פונעם שולחן ערוך האט דער רמ"א צוגעלייגט: "און פארן דאווענען זאל ער טראכטן פון השי"ת'ס גרויסקייט און ווי קליין דער מענטש איז, און ער זאל אוועק נעמען אלע גלוסטענישן פון זיין הארץ".

### הבא ליטהר מסייעין אותו

אין סידור 'בית יעקב' פון דער יעב"ץ (בפתח תפילת שחרית) רעכנט ער אויס דער סדר פון זיך גרייטן צום דאווענען:

"ער זאל זיצן אויף זיין פלאץ און אביסל צו ווארטן ביז ער וועט צו זיך קומען. ער זאל נישט דאווענען מיט א איילעניש, נאר ער זאל פריער אריינטראכטן פאר וועמען שטעלט ער זיך דאווענען, און צולייגן הארץ צו די ווערטער וואס ער זאגט ארויס מיט זיינע ליפן, און גוט אויפפאסן ער זאל גוט ארויס זאגן די ווערטער, און עס זאל זיין טיפן הארץ... ער זאל אריינטראכטן אין השי"ת'ס גרויסקייט וואס צו אים דאוונט ער און פון אים בעהט ער, און ער זאל אים דינען מיט אהבה און מיט א אינערליכע יראה און מיט שמחה... און זאל נישט טראכטן פון די וועלטליכע געשעפטן, וויפיל עס איז מעגליך".

ריכטיג, אז דאס איז זייער א שווערע עבודה, אבער דער ב"ח (על הטור או"ח צח) האט שוין צוגעברענגט דעם פסוק (תהלים י יז): "תכין לבם תקשיב אזנך", אז כדי אז די תפילה זאל אנגענומען ווערן דארף מען זיך צו דעם גרייטן. און ער ערקלערט, נישט אומזינסט איז דער לשון פונעם פסוק: "תכין לבם", אונז צו לערנען, אז דער אויבישטער טוהט מיט אונז א גרויסער חסד, טראץ אז כוונה ביים דאווענען איז זייער א שווערע זאך, האבן מיר א הבטחה אז דער וואס פראבירט פון זיין זייט זיך צוגרייטן ווי עס דארף צו זיין, פון הימל העלפט מען אים צו און דער אויבישטער גרייט אים צו זיין הארץ ער זאל קענען דאווענען מיט כוונה.

### א תפילה נאך א הכנה - איז איז כח שטארק

מ'דארף צו וויסן אז א תפילה וואס ווערט געזאגט נאך א ריכטיגע הכנה, איז איר כח געדאפלט צעהנדליגער מאל. סיי ווייל ער דאוונט געלאסן, און אזוי ווי רבי שמואל אבוהב שריבט אין ספר הזכרונות (הל' תפילה פ"א), "עס איז א דבר ידוע אז דער וואס קומט נישט צייטליך צום דאווענען, יאגט ער זיך און איילט זיך צו קענען דאווענען מיטן ציבור, און פון גרויס איילעניש קען ער נישט ריכטיג אינזין האבן און נישט ארויסזאגן די אותיות ווי עס דארף צו זיין".

אויסער דעם טייטש דער טשערנאבלער מגיד דעם פסוק (ישעיה סה כד): "טרם יקראו ואני אענה עוד הם מדברים ואני אשמע" - אויב מ'וועט זיך צוגרייטן "טרם יקראו", דעמאלטס "ואני **אענה**", אבער אויב מ'וועט קומען צום דאווענען "עוד הם מדברים" - אן קיין הכנה, דעמאלטס וועט נאר זיין "ואני **אשמע**" ('צרור החיים' [פון ר"ח ליבערזאהן] אות קמא).

נאך טרעפן מיר אז די חכמים האבן צוגעגלעכנט דאס דאווענען צו א שווערד און א פיילן-בויגן (זעה אין תרגום אונקלוס בראשית מח כב) ערקלערט דער שר שלום פון בעלזא אזוי ווי ווען מ'נוצט א שווערד צי א פיילן-בויגן, דאס שיסן און געבן די קלאפ געדויערט נאר א סקונדע, און דער עיקר ארבעט איז דאס צוגרייטן און אויסשארפן זיי זאלן גוט ארבעטן, ווייל אן קיין הכנה, וועלן זיי נישט קענען אויפטון ווי עס דארף צו זיין, אזוי אויך ביים דאווענען, די הויפט כוחות דארף מען אריינלייגן אין די הכנה פון פריער, ווייל נאר אזוי וועט די תפילה קענען אויפטון ('ניצוצי התורה' ויחי).

און אזוי טרעפן מיר קלארע ווערטער אין ספר הכוזרי (ג ה), פאר א חסיד, זענען די דריי תפילות די הויפט שעה'ן פונעם טאג, און די גאנצע הארוואניע פון דער טאג איז ווי א הכנה צו דעם. און ער ערקלערט, דער חסיד ווייסט אז די תפילה איז פאר זיין נפש אזוי ווי שפייז פאר די קערפער, און אז די זעהל ווערט פון דעם געשפייזט פון איין תפילה ביז צו די קומענדיגע תפילה, פון תפילת שחרית ביז צו תפילת מנחה, און פון תפילת מנחה ביז צו מעריב וכו'. דעריבער, קיינמאל זאל א מענטש נישט דאווענען אבי געדאוונט, ער זאל נישט ארויסזאגן די ווערטער אן טראכטן, נאר ער זאל פריער צוגרייטן זיין קערפער און זיין זעהל כדי ער זאל ארויסזאגן יעדע ווארט מיט די ריכטיגע כוונה, און זיין הארץ און מויל וועלן טוהן דאס זעלבע זאך.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## די וואלענע זאקן וואס זענען איבערגעבליבן

דינסטאג נאכט, ד' בניסן תרע"ד. נישט גוטע נייעס האט זיך צושפרייט ווי א פייער אין דערנער פעלד און האט איבערגעלאזט די ספרדי'שע קהילה אין ירושלים שאקירט און צוקלאפט. רבי עזרא בן רבי יצחק עבאדי דהב, א גרויסער תלמיד חכם, פון די חכמי ארם צובה וואס האט זיך באזעצט אין ירושלים, איז נפטר געווארן יונגערהייט, נאכן ליידן עטליכע יאר ביטערע און שווערע יסורים. ארום זיבן און צוואנציג יאר איז ער אלט געווען ווען ער האט איבערגעלאזט זיין אלמנה די צדקנית מרת מסעודה די טאכטער פונעם מקובל האלוקי רבי יהודה פתייה זיע"א מיט א קליינע יתומה. א שטיקל צייט נאך זיין פטירה איז פאר אים געבוירן נאך א טאכטער, און מ'האט איר א נאמען געגעבן ויקטוריה.

ביז ווען איר גרויסער פאטער איז ארויף קיין ארץ ישראל אין יאר תרצ"ד, וואס דעמאלטס איז די מאמע מיט איר טאכטער אריבער וואוינען אין זיין הויז, אים באדינען און זיך אנזאפן פון זיין קדושה, האט די יונגע אלמנה מיט אירע יתומות געליטן פון א שטענדיגע עלנדקייט און ארימקייט, די גרויסע טאכטער אסתר, איז אויך נפטר געווארן יונגערהייט פון הונגער ל"ע.

אין א געוויסע טאג האט די דריי און א האלב יעריגע מיידעלע ויקטוריה זיך געוואנדן מיט א תמימות צו איר מאמע: "מאמי, פארוואס מיינע אלע חברטע'ס קומען אין קינדער-גארטן ווען אין זייער טעשלע ליגט א פרישע סענדוויטש מיט א געשמאקע פרוכט, און איך - אסאך מאל - קום איך אן אין קינדער-גארטן מיט ליידיגע הענט. אסאך מאל ברענג איך נישט מיט אין מיין טעשל אפילו א פרוכט?".

די תמימות'דיגע פראגע האט אנגעפילט די אויגן פון די מאמע מיט טרערן. די צובראכענע געפיהל פון זיין א עלנדע אלמנה האט איר אינגאנצן ארומגענומען, און אין לויף פון לאנגע מינוטן איז איר נישט געלונגען צו קענען עפענען איר מויל. נאר א שטיק צייט שפעטער, מיט ציטערדיגע ליפן און א געשטיקטע שטימע האט זי זיך אנגערופן:

"אלע דיינע חברטע'ס, ויקטוריה, האבן א טאטע. ווען זיי ווילן עפעס קענען זיי זיך ווענדן צו אים, און ער ערפילט זייערע באדערפענישן. אבער דו מיין טאכטער'ל, דו ביזסט דאך א יתומה. דיין פאטער דער צדיק איז נפטר געווארן נאך בעפאר דו ביזסט געבוירן, איז צו וועמען זאלסטו זיך ווענדן...?".

"אבער, מיין טייערע ויקטוריה", האט די מאמע געגעבן א גלעט אויף די קאפ פון איר טאכטער'ל, "דו ווייסט דאך אז דער אויבישטער איז דער אבי יתומים, האסט א גרויסן טאטן אין הימל, און דו קענסט אים בעהטן אלעס וואס דו ווילסט, א זעטיגע סענדוויטש, און אפילו א עפל...".

די יונגע מאמע האט פארדעקט איר געזיכט מיט אירע הענט און האט אויסגעבראכן אין א שטילן געוויין, אבער די קליינע מיידל האט אנגענומען די מאמע'ס ווערטער מיט א גענצליכע תמימות; זי איז ארויס פון הויז, זי האט אויפגעהויבן אירע אויגן אויף ארויף און האט געזאגט מיט א צובראכן הארץ: "טאטי, טאטי אין הימל, אלע מיידלעך אין מיין קינדער-גארטן האבן א טאטע, און נאר איך האב נישט, אבער מאמי האט מיר געזאגט אז דו ביזסט מיין טאטע. דו ביזסט דער גרעסטער און שטערקסטער טאטע אויף דער וועלט, און איך בין זיכער אז דו האסט מיר זייער ליב. איך בעהט דיך, הער צו די געבעהט פון דיין קליינע טאכטער'ל וואס בעהט זיך צו דיר, און שיק פון הימל א ברייטע פרנסה פאר מיין טייערע מאמע כדי זי זאל קענען מיר צוגרייטן א סענדוויטש, און אפשר אויך א עפל, איך בעהט דיר טאטע!".

ויקטוריה האט פארענדיגט איר קורצע תפילה און איז אהיים געקומען מיט א פרייליכע מוט; "מאמי", האט זי גערופן צו איר מאמע וואס האט נאך געהאלטן אינמיטן אפווישן אירע טרערן, "איך האב געבעהטן פון אונזער טאטע ער זאל דיר שיקן פרנסה, איך בין זיכער אז ער האט צוגעהערט מיין געבעהט. מארגן ווערסטו זיכער קענען מיטשיקן מיט מיר אין שולע א סענדוויטש מיט א עפל".

די תמימות פון די מיידל האט אביסל געמוטיגט די מוטער. זי האט אפגעווישט אירע טרערן און צו די תפילה פון איר טאכטער האט זי צוגעשטעלט א פריוואטע תפילה פון איר, דער אויבישטער זאל צוזעהן זייער פיין און שיקן פרנסה ברווח.

און טאקע אזוי, דער אבי יתומים ודיין אלמנות האט צוגעהערט זייער תפילה און האט ערפילט זייער וואונטש לטובה; ארום א האלבע שעה נאכדעם זענען געהערט געווארן שטארקע קלאפערייען אויף די טיר פון זייער הויז. די מאמע איז זייער דערשראקן געווארן. זי האט ארויסגעקוקט פון דעם קליינעם לאך פונעם שליסל און אקעגן אירע אויגן האט זי געזעהן עטליכע טערקישע סאלדאטן. זי האט נישט געהאט קיין אנדערע וועג און מיט א ציטער האט זי געעפענט דעם טיר.

איינער פון די סאלדאטן האט זיך אנגערופן מיט א הויכע שטימע, "מיר האבן געהערט אויף דיר אז דו ביזסט א געניטע שניידערן. ס'איז יעצט א שווערער ווינטער און די מלחמה איז יעצט אינמיטן דעם גרעסטן ברען. מיר האבן א גרויסן קוואנטום פון צוריסענע וואלענע זאקן וואס זענען זייער נויטיג פאר די טערקישע סאלדאטן וואס געפינען זיך אויפן שלאכט פעלד. פאררעכט ביטע די זאקן און מיר וועלן שוין יעצט באצאלן אויף דעם".

די סאלדאטן האבן אראפגעלייגט אויף די ערד א גרויסע זאק פול מיט זאקן, און באלד דערלאנגט צוויי גרויסע גאלדענע מטבעות, און פארגעזעצט זייערע ווערטער אן צו ווארטן אויף איר רעאגירונג: "נאך עטליכע טעג קומען מיר צוריק און מיר ווילן זעהן ווי אלע זאקן זענען פארראכטן!".

זי האט זיך נישט געקענט אקעגן שטעלן. זי האט זיך אראפגעזעצט ארבעטן און זייער שנעל געענדיגט איר ארבעט. די סומע וואס זי האט באקומען איז געווען צעהן מאל מער פון די נארמאלע סומע אויף אזא ארבעט.

אבער די זאקן זענען ביי איר איבערגעבליבן ביזן היינטיגן טאג, ווען קיינער קומט עס נישט אפבעהטן. עטליכע טעג נאכדעם איז דער גענעראל אלענבי אריין אין ירושלים, און די טערקישע סאלדאטן זענען אינגאנצן פארטריבן געווארן פון דארטן. פון די גאלדענע מטבעות וואס זיי האבן איבערגעלאזט האבן זיי געהאט פרנסה אין לויף פון א לאנגע צייט. די תמימות'דיגע תפילה פון די מיידל האט געשפאלטן הימלען און איז אנגענומען געווארן אויבן אין הימל, און אין די קומענדיגע תקופה האט זי געקענט מיטנעמען א סענדוויטש מיט א עפל אין קינדער-גארטן.

פון דער טאג און ווייטער האט ויקטוריה שטענדיג געוואוסט צו וועמען זי דארף זיך ווענדן אין א שווערע מינוט, צו איר טאטע אין הימל. אויך ווען זי איז גרויס געווארן און האט חתונה געהאט מיט איר מאן דער צדיק רבי יוסף בצרי זצ"ל, פלעגט זי אסאך ארום פארן אויף די מקומות הקדושים, דארט פלעגט זי זיך אויסגיסן דאס הארץ צו השי"ת:

"רבונו של עולם, איך בעהט דיר זאלסט מיר געבן קינדער תלמידי חכמים און צדיקים", און זי האט צוגעלייגט: "אויב זיי וועלן נישט זיין קיין צדיקים און תלמידי חכמים, איז פאר מיר ענדערשט זיי זאלן אינגאנצן נישט געבוירן ווערן".

און די ערליכע פרוי האט טאקע זוכה אז איר תפילה איז אנגענומען געווארן. זי האט זוכה געווען אויפשטעלן א דור פון גאונים און צדיקים, וואס זענען ברייט באקאנט געווארן אויף דער וועלט, אלץ ראשי ישיבות און דיינים, רבי מנחם און רבי ששון זצ"ל, און יבלחט"א, רבי עזרא און רבי דוד בצרי שליט"א.

'בנימין הצדיק' עמ' 58

shay עיצובים